**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט כמעט 3 מיליאן דאלאר אין געשאנקענע גרענטס צו שטיצן פרעמדע באשעפענישן פארמיידונג פראיעקטן אריבער די סטעיט**

***פינאנצירונג שטעלט צו קריטישע שטיצע צו אדרעסירן נעגאטיווע ווירקונגען פון אריינדרינגנדע פרעמדע באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט כמעט 3 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 43 פראיעקטן צו רעדוצירן די נעגאטיווע ווירקונגען פון אריינדרינגנדע פרעמדע באשעפענישן אויף ניו יארק סטעיט'ס נאטורליכע קוועלער, עקאנאמיע און קאמיוניטיס. די גרענטס זענען טייל פון די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס ( Department of Environmental Conservation, DEC) פרעמדע באשעפענישן גרענט פראגראם (Invasive Species Grant Program) וואס גיבט פינאנצירונג פאר די פארמיידונג פון פארשפרייטונג פון פרעמדע באשעפענישן – חיות און פלאנצונגען – אין וואסער און אויפן טרוקעניש; פאר פריע אויפכאפונג דערפון און שנעלע רעאקציע דערצו; פלאנירונג פאר די פארוואלטונג פון לעיקס; פארשונג; אויפקלערונג; און פארשפרייטונג פון אינפארמאציע איבער די אנגעלעגנהייט.

"מיר זענען פארפליכטעט צו באשיצן ניו יארק'ס וואסערן, וועלדער און אגריקולטורישע תבואה פון געפארפולע פרעמדע באשעפענישן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג שטיצט פראיעקטן אריבער די סטעיט וואס וועלן העלפן פארמיידן די פארשפרייטונג פון פרעמדע באשעפענישן אין ניו יארק, באשיצנדיג אונזערע נאטורליכע קוועלער, עקאנאמיע און פובליק געזונטהייט פון די נעגאטיווע ווירקונגען פון די דראאונג."

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "די DEC איז דערפרייט צו אפפערן דעם ארומנעמיגן גרענט פראגראם צו אדרעסירן די נעגאטיווע ווירקונגען פון פרעמדע באשעפענישן. עס עקזיסטירט נישט איין איינצלנע זאך וואס מען קען טוהן צו אדרעסירן די דראאונגען וואס אריינדרינגנדע באשעפענישן שטעלן פאר ניו יארק'ס ענווייראמענט. גלייכצייטיגע אינוועסטירונגען צו איספארשן קאנטראלירונג שיטות, אקטיווערהייט פארוואלטן אויף אריינדרינגנדע גרופעס פון באשעפענישן, זיך אפגעבן מיט די וועגן וויאזוי זיי פארשפרייטן זיך און אויפקלערן די פובליקום איבער דעם נושא פון פרעמדע באשעפענישן זענען וועזנטליך פאר די באמיאונגען צו פארלייכטערן די דראאונג. אין גאווערנער האקול'ס פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר 2024-2025, ווערט די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע צוגעטיילט 17 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן און פראגראמען צו העלפן אדרעסירן פרעמדע באשעפענישן אריבער די סטעיט."

פראיעקטן צו באקומען גרענטס פאר א סך הכל פון $2,992,793 זענען אויסגעשפרייט איבער זעקס קאטעגאריעס:

- **$263,390 צו פינאנצירן צוויי פראיעקטן צו פארמיידן פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן** דורכן ארבעטן צוזאמען מיט שיף פארוואלטער/פריוויליגע אינספעקציעס צו העלפן אויפקלערן פארוויילונג שיפלער
- **$340,437 צו פינאנצירן פינף פראיעקטן אין פארבינדונג מיט מענטשן וואס זאלן זיין אחריות אויף פארמיידונג פון פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן און אויף שיף רייניגונג** דורכן ארויסשיקן און זיך באנוצן מיט רייניגונג עקוויפמענט דורך הייסע וואסער אונטער הויכע פרעשור און דורכפירן שיף פארוואלטער פראגראמען און אוועקשטעלן רייניגונג סטאנציעס ביי שיף ראמפעס אדער שאסייען וואו שיפלער פארן אריבער.
- **$1,762,442 פאר 23 פראיעקטן פאר פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון פרעמדע באשעפענישן (וואסער און טרוקעניש)** צו ארבעטן צו אוועקנעמען פרעמדע באשעפענישן נוצנדיג פיזישע און מעכאנישע מיטלען, כעמישע רייניגונגען און ביאלאגישע קאנטראלירונג.
- **$269,682 פאר פיר פרעמדע באשעפענישן פארשונג פראיעקטן** צו העלפן פארבעסערן פרעמדע באשעפענישן קאנטראל שיטות.
- **$159,598 פאר פינף לעיק פארוואלטונג פלאנירונג און דורכפירונג פראיעקטן** צו העלפן אדרעסירן די אורזאכן וואס פירן צו פרעמדע באשעפענישן פארפעסטיגנדיג וואסערן און צו גיבן א קלארע בילד פאר די קאנטראל און פארוואלטונג דערפון; און
- **$197,243 פאר פיר פרעמדע באשעפענישן אויפקלערונג און פובליק מיטארבעט פראיעקטן** צו פארמערן די באקאנטשאפט צווישן די פובליקום איבער פרעמדע באשעפענישן און צו מוטיגן די פובליקום זיך צו באנעמען מיט די פארוואלטונג פון פרעמדע באשעפענישן און וויסנשאפט פאר די קאמיוניטי.

גרענטס לויטן ראיאן זענען:

**<u>הויפטשטאט ראיאן</u>**

**אלבאני קאונטי**

- סיטי אָוו אלבאני: $99,571 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש
- Mohawk Hudson Land Conservancy: $84,989 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**קאלאמביע קאונטי**

- טאון אָוו אנקרעם: $12,646 – פרעמדע באשעפענישן אויפקלערונג און פובליק מיטארבעט

**גרין קאונטי**

- Catskill Center for Conservation and Development: $29,089 – פרעמדע באשעפענישן אויפקלערונג און פובליק מיטארבעט

**וואשינגטאן קאונטי**

- Lake George Land Conservancy: $86,215 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

## צענטראל ניו יארק

**קאָרטלאנד קאונטי**

- קאָרטלאנד קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט: $122,705 – פארמיידן פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן דורכן אויפקלערן און ארבעטן צוזאמען מיט שיף פארוואלטער/פרייוויליגע אינספעקציעס
- Research Foundation for SUNY Cortland: $98,630 – 2023 פרעמדע באשעפענישן פארשונג

**מעדיסאן קאונטי**

- טאון אָוו קעזענאָוויע: $40,120 – פארמיידן פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן - פארוואלטער - שיף רייניגונג פראגראם

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי**

- Upstate Freshwater Institute: $17,856 – 2023 פרעמדע באשעפענישן פארשונג

**אסוויגאָו קאונטי**

- Kasoag Conservation Association: $13,098 – פרעמדע באשעפענישן לעיק פארוואלטונג פלאנירונג און דורכפירונג

## פינגער לעיקס

**אָנטאַריאו קאונטי**

- סיטי אָוו קענענדעיגווע: $140,685 – פארמיידן פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן דורכן אויפקלערן און ארבעטן צוזאמען מיט שיף פארוואלטער/פרייוויליגע אינספעקציעס
- Cornell University: $83,292 – 2023 פרעמדע באשעפענישן פארשונג

**ווערן קאונטי**

- Bergen Swamp Preservation Society: $73,200 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

## <u>לאנג איילענד</u>

### סופאָלק קאונטי

- Peconic Land Trust: $93,622 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש
- Landcraft Garden Foundation Inc.: $36,285 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש
- The Caumsett Foundation Inc.: $65,470 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש
- Seatuck Environmental Association Inc.: $98,518 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש
- טאון אָוו סאַוטהעמפטאן: $24,000 – פרעמדע באשעפענישן לעיק פארוואלטונג פלאנירונג און דורכפירונג
- טאון אָוו ברוּקהעיווען: $25,000 – פרעמדע באשעפענישן לעיק פארוואלטונג פלאנירונג און דורכפירונג

## <u>מיד-האדסאן</u>

### דוטשעס קאונטי

- Bard College: $80,379 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

### מולטי-קאונטי

- New York-New Jersey Trail Conference: $84,139 – פרעמדע באשעפענישן אויפקלערונג און פובליק מיטארבעט
- New York-New Jersey Trail Conference: $100,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

### אראנדזש קאונטי

- טאון אָוו טשעסטער: $12,136 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

### ראקלענד קאונטי

- טאון אָוו קלאַרקסטאַון: $67,500 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**סאָליוועןן קאונטי**

- Cornell Cooperative Extension: $71,368 – פרעמדע באשעפענישן אויפקלערונג און פובליק מיטארבעט

**אָאולסטער קאונטי**

- Mohonk Preserve, Inc.: $90,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**וועסטשעסטער קאונטי**

- Research Foundation for SUNY Purchase: $99,480 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**<u>מאוהאק וואלי</u>**

**פּולטאָן קאונטי**

- טאון אָוו קעראָוגע: $100,000 – פארמיידן פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן - פארוואלטער - שיף רייניגונג פראגראם

**אניידע קאונטי**

- טאון אָוו פארעסטפארט: $48,600 – פארמיידן פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן - פארוואלטער - שיף רייניגונג פראגראם

**אָטסעיגאָו קאונטי**

- Canadarago Lake Improvement Association Inc.: $100,000 – פארמיידן פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן - פארוואלטער - שיף רייניגונג פראגראם

**<u>ניו יארק סיטי</u>**

**בראנקס קאונטי**

- Woodlawn Conservancy: $100,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**קינגס קאונטי**

- The Green-Wood Cemetery: $20,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**ניו יארק קאונטי**

- Randall’s Island Park Alliance, Inc.: $24,602 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**קווינס קאונטי**

- Rockaway Waterfront Alliance, Inc.: $100,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**<u>נארט קאנטרי</u>**

**עסעקס קאונטי**

- Eagle Lake Property Owners, Inc.: $30,000 – פרעמדע באשעפענישן לעיק פארוואלטונג פלאנירונג און דורכפירונג

**פרענקלין קאונטי**

- Upper Saranac Foundation, Inc.: $46,380 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**העמילטאן קאונטי**

- Blue Mountain Lake Association: $60,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

**סעינט לאורענס קאונטי**

- St. Lawrence University: $98,592 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש
- טאון אָוו אָסוועגאַטשי: $100,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש
- טאון אָוו קלאַרקסאן: $69,904 – פרעמדע באשעפענישן פארשונג

## **סאוטערן טיער**

**טאמפקינס קאונטי**

- טאמפקינס קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקט: $51,718 – פארמיידן פרעמדע באשעפענישן אין וואסער ווערנדיג פארשפרייט דורך שיפן - פארוואלטער - שיף רייניגונג פראגראם

## **מערב ניו יארק**

**טשאטאוקווא קאונטי**

- טאון אָוו שעטאַקווע: $100,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש
- טאון אָוו נאָרט הארמאני: $100,000 — פרעמדע באשעפענישן פריע אויפכאפונג/שנעלע רעאקציע און קאנטראל פון באשעפענישן אין וואסער און אויפן טרוקעניש

די גרענטס וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן ווערן געשטיצט דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund, EPF). די EPF איז א קריטישע מיטל פאר ענווייראמענטאלע פראגראמען, צום ביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון אריינדרינגענדע פרעמדע באשעפענישן, צוטריט צו פארוויילונג ערטער, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט פראיעקטן. גאווערנער האקול'ס פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר 2024-25 האלט אן די EPF פינאנצירונג אויף 400 מיליאן דאלאר — די העכסטע סומע פון פינאנצירונג אין די היסטאריע פון דעם פראגראם.

דער פרעמדע באשעפענישן גרענט פראגראם ווערט אנגעפירט דורך די ביורא פון פרעמדע באשעפענישן און עקאלאגישע סיסטעם געזונטהייט (Bureau of Invasive Species and Ecosystem Health) אינערהאלב די DEC'ס דיוויזיע פון לענדער און וועלדער (Division of Lands and Forests). פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ביטע די DEC'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418